בְּעֶזְרַת הַשֵּׁם יִתְבָּרֵךְ

קוּנְטְרֵס

# זוּכְן דִי שֵׁיינֶע פִּינְטְלֶעךְ

אַ הֶערְלִיכֶע שִׁיעוּר וָואס

## דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א

הָאט גֶעגֶעבְּן פַאר מְחַנְכִים, מִיטְוָואךְ פַּרְשַׁת נָשֹׂא שְׁנַת תשפ"ג
לִפְרָט קָטָן, אִין ווִילְיַאמְסְבּוּרְג יע"א.

אִין דֶעם קוּנְטְרֵס וֶוערְט עֶרְקְלֶערְט ווִי ווִיכְטִיג עֶס
אִיז אוֹיפְצוּבּוֹיעֶן אַ קִינְד, אִים אוֹיסְרוּמֶען אוּן גֶעבְּן
אַסַאךְ גוּטֶע וֶוערְטֶער, אוּן ווִי אַזוֹי צוּ גֶעבְּן מוּסָר, כְּדֵי
דִי קִינְדֶער זָאלְן אוֹיסְוַואקְסְן גוּט, מִיט אַ שְׁטַארְקֶע
אֱמוּנָה אִינֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוּן אֱמוּנָה אִין צַדִיקִים.

גֶעבּוֹיעֶט אוֹיף דִי וֶוערְטֶער פוּן הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן, אֲדוֹנֵינוּ מוֹרֵנוּ וְרַבֵּנוּ
**רַבִּי נַחְמָן מִבְּרֶסְלֶב, זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ**

אוּן אוֹיף דִי וֶוערְטֶער פוּן זַיין תַּלְמִיד, מוֹרֵינוּ הַגָּאוֹן הַקָּדוֹשׁ
**רַבִּי נָתָן מִבְּרֶסְלֶב, זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ**

אוּן אוֹיף דִי וֶוערְטֶער פוּן זֵייעֶר תַּלְמִיד וָואס הָאט אַרַייְנְגֶעבְּרֶענְגְט
זֵייעֶרֶע הֵיילִיגֶע לִימוּדִים אִין דִי גַאנְצֶע וֶועלְט
**כְּבוֹד קְדוּשַׁת מָרָן מוֹהֲרָא"ש זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ**

גֶעפְלָאכְטְן מִיט פְּסוּקִים פוּן תּוֹרָה, נְבִיאִים, וּכְתוּבִים, אוּן מַאֲמָרִים פוּן
דִי הֵיילִיגֶע חֲזַ"ל, פוּן דִי גְמָרָא אוּן מִדְרָשִׁים אוּן זוֹהַר הַקָּדוֹשׁ.

אַרוֹיסְגֶעגֶעבְּן בעזהשי"ת

דוּרְךְ חֲסִידֵי בְּרֶסְלֶב - עִיר הַקוֹדֶשׁ יְרוּשָׁלַיִם תובב"א

שִׁיעוּרֵי חִינוּךְ, שְׁנַת תשפ"ג, שִׁיעוּר ט"ז

# היכל הקודש ברסלב

**181 Huschke Road,** Liberty NY 12747

היכל הקודש
**וויליאמסבורג**
**27 Skillman Street**
Brooklyn NY 11205
**718.384.1652**

היכל הקודש
**בארא פארק**
**1415 55th Street**
Brooklyn NY 11219
**347.760.5924**

היכל הקודש
**קרית יואל**
**8 Hayes Ct.**
Monroe NY 10950
**845.467.5299**

היכל הקודש
**קרית יואל**
**8 Premishlan Way.**
Monroe NY 10950
**845.243.0563**

היכל הקודש
**בלומינגראוו**
**24 Merriewold LN S**
Monroe NY 10950
**845.238.0804**

היכל הקודש
**מאנסי**
**34 Union Rd.**
Spring Valley, NY 10977
**845.445.9314**

היכל הקודש
**ירושלים**
**רחוב רבי נחמן מברסלב 15**
**054.845.6150**

היכל הקודש
**בני ברק**
**רחוב ירושלים 2**
**052.760.5715**

נדפס ע"י

## קרן הדפסה
## היכל הקודש

2623 State Route 52
Liberty, NY 12754

**718.387.2691**

www.BreslevCenter.com

צו הערן די
הערליכע שיעורים
פונעם ראש ישיבה שליט"א
רופט:

קול ברסלב

**212.444.9191**

חיזוק פאר די אידישע שטוב

**212.444.9169**

# אִינְהַאלְט


די בֶּעסְטֶע חִיזוּק ........ ג
אוּיפְבּוֹיעֶן דִי קִינְדֶער ........ ד
זוּכְן דִי שֵׁיינֶע פִּינְטְלֶעךְ ........ ה
אִיךְ קוּם מְחַיֶה זַיין קִינְדֶער ........ ה
אִיבֶּער זָאגְן נַאכְאַמָאל אוּן נָאכְאַמָאל "דוּ קֶענְסְט יָא!" ........ ז
אַרַיין לֵייגְן גוּטֶע וֶוערְטֶער מִיט חָכְמָה ........ ז
ווי אַזוֹי גֶעבְּט מֶען מוּסָר פַּאר אַ קִינְד ........ ח
רֶעדְן צוּ קִינְדֶער פוּן אֱמוּנָה ........ ט
דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זֶעט אַלֶעס ........ י
קִינְדֶער זֶענֶען פִיל מִיט פְּחָדִים ........ יא
אוּיסְהֶערְן בֵּיידֶע זַייטְן פוּן דִי מַעֲשֶׂה ........ יא
זַיין צַייטְלִיךְ אִין כִּתָּה ........ יג
אִיךְ הָאבּ נִישְׁט וָואס צוּ טוּן מִיט דִי קִינְדֶער ........ יד
וָואס אִיז 'מַיין' אַרְבֶּעט?! ........ טז
לַאנְדְאנֶע סָאלְדַאטְן ........ יז
דֶערְצֵיילְן מַעֲשִׂיוֹת פוּן צַדִיקִים ........ יח
וָואס אִיז שֵׁיין? ........ כ

# זוּכְן דִי שֵׁיינֶע פִּינְטְלֶעךְ

## דִי בֶּעסְטֶע חִיזוּק

אִיךְ פְרֵייא זִיךְ זֵייעֶר אַז אִיךְ קֶען גֶעבְּן חִיזוּק פַאר מְלַמְדִים אוּן מְחַנְּכִים.

מוֹהֲרָא״שׁ זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ בְּרֶענְגְט אַסַאךְ מָאל אִין אֲשֶׁר בַּנַחַל וָואס דִי הֵיילִיגֶע חֲכָמִים זָאגְן (סִפְרִי נָשֹׂא, פִּסְקָא א): **"אֵין מְחַזְּקִין אֶלָּא לַמְּחוּזָּקִין"**, אוּן מוֹהֲרָא״שׁ בְּרֶענְגְט, אַז צַדִיקִים טַייטְשְׁן דָאס אַזוֹי: "אֵין מְחַזְּקִין" מֶען גֶעבְּט נִישְׁט קַיין חִיזוּק, "אֶלָּא לַמְּחוּזָּקִין" נָאר פַאר דִי וָואס גֶעבְּן חִיזוּק פַאר אַנְדֶערֶע. מְלַמְדִים, לֶערֶערִינְס אוּן אַלֶע וָואס זֶענֶען עוֹסֵק אִין חִינוּךְ הַבָּנִים וְהַבָּנוֹת דַארְפְן דִי מֶערְסְטֶע חִיזוּק.

דִי בֶּעסְטֶע חִיזוּק אִיז אוֹיבּ מֶען וֵוייסְט **"מִיט וֶועם אִיךְ אַרְבֶּעט"** אוּן **"פַאר וֶועמֶען אִיךְ אַרְבֶּעט"**. אִיךְ אַרְבֶּעט מִיט נְשָׁמוֹת; מִיט נְשָׁמוֹת יִשְׂרָאֵל! אוּן אִיךְ אַרְבֶּעט פַאר'ן אֵייבֶּערְשְׁטְן!

## אוֹיפְבּוֹיעֶן דִי קִינְדֶער

אַ מְלַמֵד אוּן אַ לֶערֶערִין דַארְף וְויסְן: מַיין אַרְבֶּעט אִיז אוֹיפְצוּבּוֹיעֶן דִי קִינְדֶער, אַרַיין צוּ בְּלָאזְן אִין זֵיי אֱמוּנָה, אוּן אַ זִיכֶערְקֵייט מִיט זִיךְ, זֵיי זָאלְן וְויסְן **"אִיךְ קֶען יָא"**, **"אִיךְ בִּין יָא"** - דָאס אִיז דֶער עִיקָר, עִיקָר, עִיקָר זַאךְ פַּארְוָואס מֶען קוּמְט צוּ דִי קִינְדֶער אוּן וָואס מֶען דַארְף אַרַיין לֵייגְן אִין קִינְדֶער.

אַוַודַאי אִיז דָא אַ סֵדֶר הַיוֹם, מֶען דַארְף פַארְלַאנְגֶען דִי קִינְדֶער זָאלְן זַיין צַייטְלִיךְ, מֶען דַאוֶוענְט אוּן מֶען לֶערְנְט, אוּן מֶען שְׁטֵייט אַז דִי קִינְדֶער זָאלְן קֶענֶען דִי לִימוּדִים, יֶעדֶע יָארְגַאנְג לוֹיט אִיר פַארְשְׁטַאנְד, אִין דִי יוּנְגֶערֶע כִּיתּוֹת לֶערְנְט מֶען אוֹיס אַלֶף בֵּית, צוּזַאמְשְׁטֶעלְן אוֹתִיּוֹת, עִבְרִי, סִידוּר אוּן תְּהִלִים, אִין דִי עֶלְטֶערֶע כִּיתּוֹת לֶערְנְט מֶען שׁוֹין שְׁוֶוערֶערֶע זַאכְן, אָבֶער דִי אַלֶע זַאכְן זֶענֶען נָאר דֶער וֶועג וִוי אַזוֹי מֶען פִירְט אַ מוֹסָד, אַז עֶס זָאל זַיין אִין אַ צִמְצוּם, אִין אַ כֵּלִי, וַוייל מֶען קֶען נִישְׁט זִיצְן אַ גַאנְצְן טָאג נֶעבְן אַ מֶענְטְשׁ אוּן אִים זָאגְן: **"דוּ בִּיסְט גוּט"**, **"דוּ בִּיסְט גוּט"**, **"דוּ בִּיסְט גוּט"**, דָאס גֵייט נִישְׁט אַרַיין אִין אוֹיעֶר, אוּן וָואס עֶס גֵייט שׁוֹין יָא אַרַיין - גֵייט צוּרִיק אַרוֹיס פוּן דִי אַנְדֶערֶע אוֹיעֶר...

אָבֶער אִין מַיין מֹחַ דַארְף אִיךְ גֶעדֶענְקֶען אַז אִיךְ קוּם צוּ דִי קִינְדֶער צוּלִיבּ דֶעם אֵיין זַאךְ -

**"אוֹיפְצוּבּוֹיעֶן די קִינְדֶער"**, זֵיי גֶעבְּן גוּטֶע וֶוערְטֶער: **"דוּ בִּיסְט מוֹרָא'דִיג"**, **"דוּ בִּיסְט מוֹרָא'דִיג"**, אוּן אַרַיינְלֵייגְן אִין זֵיי אַ זִיכֶערְקֵייט זֵיי זָאלְן וִויסְן **'אִיךְ בִּין יָא'**, אוּן **'אִיךְ קֶען יָא'**.

## זוּכְן די שֵׁיינֶע פִּינְטְלֶעךְ

גֶעבְּן גוּטֶע וֶוערְטֶער אִיז זֵייעֶר וִויכְטִיג.

עֶס אִיז נִישְׁטָא אַזַא זַאךְ אַ קִינְד זָאל זַיין כּוּלוֹ רַע, עֶס אִיז נִישְׁטָא אַזַא זַאךְ; יֶעדֶער קִינְד הָאט אֱמֶת'עֶ שֵׁיינֶע זַאכְן מִיט וָואס עֶר אִיז סְפֶּעצִיעֶל אוֹיסְגֶעצֵייכְנְט, מֶען דַארְף נָאר זוּכְן אוּן טְרֶעפְן די שֵׁיינֶע פִּינְטְלֶעךְ, זִיךְ גוּט אַרַיין קוּקְן אִין דֶעם אוּן עֶס אָנְהֵייבְּן לִיבּ צוּ הָאבְּן, אוּן אַז מֶען הָאט לִיבּ אַ קִינְד שְׁפִּירְט דָאס דֶער קִינְד, דֶער קִינְד פִּילְט: **"אִיךְ הָאבּ אֵיינֶעם וָואס הָאט מִיךְ לִיבּ"**, **"אִיךְ הָאבּ אֵיינֶעם וָואס הַאלְט פוּן מִיךְ"**, **"אִיךְ הָאבּ אֵיינֶעם וָואס רֶעדְט שֵׁיין צוּ מִיר"**.

## אִיךְ קוּם מְחַיֶה זַיין קִינְדֶער

אַסַאךְ מָאל קֶען זִיךְ דַאכְטְן פַאר אַ מְלַמֵד אוּן אַ לֶערֶערִין אוֹיף אֵיין קִינְד אַז **"דֶער קִינְד אִיז אַן אוֹיבֶּער חָכָם, אַ קַאלְטֶער אוּן עֶר דַארְף מִיךְ נִישְׁט"**, אוּן דֶער מְלַמֵד אִיז טַאקֶע אִיבֶּערְצֵייגְט אַז דֶער קִינְד דַארְף אִים נִישְׁט, וַוייל וֶוען אִיךְ גֶעבּ אִים אַ

גוט וואָרט שמײכלט ער זיך אונטער... זאָלט איר וויסן אַז די קינדער וואָס צולאַכן זיך ווען מען געבט זײ אַ גוט וואָרט, מײנט נישט אַז זײ דאַרפן עס נישט, זײ לאַכן ווײל זײ ווײסן פּשוט נישט ווי אַזוי צו רעאַגירן צו דעם גוט וואָרט.

עס זענען דאָ צװײ סאָרט מענטשן, עס זענען דאָ מענטשן וואָס זײער נאַטור איז אַז זײ קענען נעמען גוטע ווערטער, ווען אײנער געבט אים אַ גוט וואָרט, אײנער זאָגט אים: **"דו זעסט אויס זײער גוט"**, **"דײן קלײד איז זײער שײן"**, ענטפערט ער צוריק: **"שכּוח"**, דער מענטש האָט אַ געזונטער נאַטור, ער נעמט אויף דעם גוט וואָרט אַזוי ווי יענער וואָלט אים געגעבן אַ מתּנה, און ער באַדאַנקט זיך שײן.

ווידער זענען דאָ מענטשן וואָס קומען פון שטיבער וואָס מען רעדט נישט אײנער צום צװײטן שײנע געפּילישע ווערטער, דערפאַר ווען ער הערט אויף זיך אַ גוט וואָרט, צום בײשפּיל, דו זאָגסט אים: **"דו זעסט אויס זײער גוט"**, - כאַפּט ער אַ שרעק, ער װײסט נישט וואָס דו ווילסט פון אים, עס איז די ערשטע מאָל וואָס ער הערט אַ גוט וואָרט.

אָבער דאָס איז דער עיקר וואָס מען דאַרף געדענקען, איך קום אין חדר, איך קום אין שולע, צו מחיה זײן קינדער, מחזק זײן קינדער און אויפבויען קינדער.

## אִיבֶּער זָאגְן נָאכְאַמָאל און נָאכְאַמָאל "דוּ קֶענְסְט יָא!"

מוֹהֲרָא"ש הָאט אַמָאל גֶעזָאגְט בַּיי אַ שִׁיעוּר: פוּן וֶוען אַ קִינְד ווערְט גֶעבּוֹירְן בִּיז עֶר ווערְט גְרוֹיס און בּוֹיט אוֹיף זַיין אֵייגֶענֶע שְׁטוּב, הָאט עֶר שׁוֹין גֶעהֶערְט טוֹיזְנְטֶער טוֹיזְנְטֶער מָאל דִי אוֹיסְדְרוּקְן: **"דוּ זֶעסְט אַז דוּ קֶענְסְט נִישְׁט?!" "אִיךְ הָאבּ גֶעווּאוּסְט אַז דוּ קֶענְסְט נִישְׁט!" "נֶע דוּ קֶענְסְט נִישְׁט!" "גֶעבּ עֶס פַאר אַ צְוֵוייטְן, עֶר קֶען בֶּעסֶער פוּן דִיר!" "דוּ קֶענְסְט עֶס נִישְׁט טְרָאגְן וַוייל דוּ גֵייסְט עֶס אוֹיסְגִיסְן!" "דוּ קֶענְסְט נִישְׁט", "דוּ וֵוייסְט נִישְׁט"**, פוּן דִי אַלֶע ווערְטֶער בּוֹיט זִיךְ שְׁטִילֶערְהֵייט אוֹיף אִינֶעם קִינְדְ'ס מֹחַ אַ סַךְ הַכֹּל: **"אִיךְ טוֹיג נִישְׁט, אִיךְ בִּין נִישְׁט און אִיךְ קֶען נִישְׁט!"**

נֶעגֶעטִיוֶוע זַאכְן, עוֹנְשִׁים און שְׁרֶעקֶעדִיגֶע זַאכְן כַאפְּט דֶער מֹחַ אוֹיף שְׁנֶעלֶער ווִי פַּאזֶעטִיוֶוע זַאכְן, דֶערְפַאר אִיז נִישְׁט גֶענוּג אַז מֶען זָאגְט אֵיין מָאל פַאר אַ קִינְד: **"דוּ בִּיסְט יָא!" "דוּ קֶענְסְט יָא!"** מֶען דַארְף עֶס אִיבֶּער זָאגְן און אִיבֶּער זָאגְן נָאכְאַמָאל און נָאכְאַמָאל.

## אַרַיין לֵייגְן גוּטֶע ווערְטֶער מִיט חָכְמָה

עֶס קֶען זִיךְ דַאכְטְן פַאר אַ מְלַמֵד אוֹיף קִינְדֶער אַז זֵיי דַארְפְן שׁוֹין נִישְׁט קַיין גוּטֶע ווערְטֶער, מֶען דַארְף זֵיי שׁוֹין זָאגְן גֶעהֶעריג מוּסָר, דֶער קִינְד דַארְף

הֶערְן אַז עֶר טוּט נִישְׁט גוּט, זָאלְסְטוּ וִויסְן, וָואס וֵוייסְטוּ וָואס דֶער קִינְד גֵייט אַרִיבֶּער?! אִינְדְרוֹיסְן קֶען עֶר אוֹיסְקוּקְן אַזוֹי גוּט, פְּלוּצְלוּנְג זֶעט מֶען וִוי עֶר וֶוערְט זֵייעֶר שְׁלֶעכְט אוּן מֶען וֵוייסְט נִישְׁט וָואס עֶס אִיז גֶעשֶׁען מִיט דֶעם קִינְד?... בֶּאֱמֶת אִיז שׁוֹין דָאס קִינְד גֶעוֶוען פַארְדֶעם זֵייעֶר צֶעקְלַאפְּט, נָאר יֶעצְט זֶעסְטוּ עֶס אָפְּן.

דֶערְפַּאר, דַארְף מֶען בְּעִיקָר זֶען אוֹיפְצוּבּוֹיעֶן דִי קִינְדֶער, דִי קִינְדֶער זָאלְן אַסַאךְ הֶערְן גוּטֶע וֶוערְטֶער: **"דוּ בִּיסְט גוּט"** **"דוּ בִּיסְט חָשׁוּב"** אוּן נָאכְאַמָאל: **"דוּ בִּיסְט גוּט"** אוּן נָאכְאַמָאל: **"דוּ בִּיסְט חָשׁוּב"**, מֶען לֵייגְט דָאס אַרַיין מִיט חָכְמָה צְווִישְׁן דִי לִימוּדִים וָואס מֶען לֶערְנְט, כְּדֵי זֵיי זָאלְן אִינֶעוֵוייְנִיג פִילְן **"אִיךְ בִּין גוּט"**, **"דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט מִיךְ לִיבּ"**, **"אִיךְ גֵיי זַיין אַ גְרוֹיסֶער צַדִיק"**, אוּן **"אִיךְ גֵיי מַצְלִיחַ זַיין אִין לֶעבְּן"**, אַלֶע אַנְדֶערֶע זַאכְן וָואס דֶער קִינְד דַארְף זִיךְ פַארְבֶּעסֶערְן וֶועט שׁוֹין נָאכְדֶעם אָנְקוּמֶען אִין רִיכְטִיגְן פְּלַאץ.

## ווִי אַזוֹי גֶעבְּט מֶען מוּסָר פַאר אַ קִינְד

רֶבִּי נָתָן זִכְרוֹנוֹ לִבְרָכָה הָאט גֶעזָאגְט: **"פַאר יֶעדֶע לֶעפְל מוּסָר וָואס מֶען זָאגְט, דַארְף מֶען גֶעבְּן אַ גַאנְצֶע שִׁיסְל הִתְחַזְקוּת"**; מֶען דַארְף הָאבְּן אַ לֶעפְל מוּסָר, מֶען דַארְף גֶעבְּן מוּסָר, מֶען דַארְף פַארְרֶעכְטְן קִינְדֶער, אָבֶּער עֶס מוּז זַיין אַ שִׁיסְל

חיזוק, מען דאַרף זאָגן פאַרן קינד: **״דו ביסט אַזוי גוט״**, און: **״דאָס טוט מען נישט״**, **״דאָס איז נישט גוט צו טון״**, **״עס איז נישט גוט פאַר דיך״**, **״עס איז נישט גוט פאַר דײַן לעבן״**, און נאָכאַמאָל: **״דו ביסט זײער גוט״.**

מען גיבט מוסר אַזוי ווי מען גיבט מעדעצין פאַר אַ קינד; וואָס טוט מען ווען מען דאַרף געבן פאַר אַ קינד שאַרפע מעדעצין? מען גיבט אים פאַרדעם צו טרינקען אַ גוטע דזשוס, מען גיבט אים דעם לעפל שאַרפע מעדעצין און נאָכדעם נאָך אַביסל דזשוס, אַזוי איז אויך ווען אַ מלמד וויל זאָגן מוסר פאַר אַ תּלמיד, מען דאַרף אָנהײבן מיט שײנע ווערטער, אויסרומען דעם תּלמיד, ווי טײַער ער איז, ובתוך הדברים זאָגט מען אים וואָס ער דאַרף זיך פאַררעכטן, און מען ענדיגט מיט גוטע חיזוק, ווי חשוב ער איז, ווי טײַער ער איז און ווי שײן ער וועט אויסוואַקסן אויב וועט ער זיך פירן גוט.

## רעדן צו קינדער פון אמונה

מען דאַרף אַסאַך רעדן צו קינדער פון אמונה אינעם אײבערשטן, אמונה איז אַ זאַך וואָס באַרואיגט, אײן מאָל די אמונה איז דאָ - איז שוין אַלעס דאָ!

מֶען קֶען נִישְׁט אָנְקוּמֶען צוּ רֶעדְן פוּן אַלֶע תַּרְיַ"ג מִצְוֹת, מֶען קֶען נִישְׁט רֶעדְן פוּן יֶעדֶע פִּינְטְל אִין לֶעבְּן, בַּאלְד עֶנְדִיגְט זִיךְ שׁוֹין דָאס יָאר, אָבֶער אַז דוּ רֶעדְסְט פוּן אֱמוּנָה, **"אַה דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער אִיז דָא!" "דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הִיט אוּנְז"**, **"דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זֶעט אַלֶעס, אוּן מֶען קֶען זִיךְ נִישְׁט בַּאהַאלְטְן פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן"**, וֵוייסְט שׁוֹין דֶער קִינְד אַז עֶר מוּז פָּאלְגְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן.

## דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זֶעט אַלֶעס

הַיינְט צוּפְרִי רוּפְט מִיךְ אָן אַ טַאטֶע מִיט אַ בֶּהָלָה, עֶר דֶערְצֵיילְט מִיר אַז זֵיי הָאבְּן נֶעכְטְן גֶעהַאט אַ חֲתוּנָה, זֵיי הָאבְּן גֶערוּפְן אַ יוּנְגֶע מֵיידְל זָאל בֶּעבִּי סִיטְן בַּיי זֵיי אִין שְׁטוּב, וֶוען דִי עֶלְטֶערְן זֶענֶען אַהֵיים גֶעקוּמֶען הָאבְּן זֵיי אוֹיסְגֶעטְרָאפְן אַז דִי בֶּעבִּי סִיטֶער הָאט גֶעטוּן נִישְׁט קַיין אֵיידֶעלֶע זַאכְן מִיט דִי קִינְדֶער, דִי עֶלְטֶערְן זֶענֶען גֶעוָוארְן זֵייעֶר פַּארְלוֹירְן, זֵיי פְרֶעגְן מִיר: **"וָואס טוּט מֶען דָא?"** פְרֶעג אִיךְ זֵיי צוּרִיק: **"וָואס זֶענְט אִיר פַּארְלוֹירְן?! דָאס זֶענֶען קִינְדֶער! מֶען דַארְף זֵיי אִיבֶּער זָאגְן נָאכְאַמָאל אוּן נָאכְאַמָאל אַז קֵיינֶער זָאל דִיךְ נִישְׁט אָנְרִירְן אוּן דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער אִיז אִיבֶּערָאל".**

לֶערֶערִינְס דַארְפְן רֶעדְן פוּן דֶעם צוּ דִי קִינְדֶער, מֶען זָאגְט פַאר דִי קִינְדֶער: **"מֶען דַארְף זַיין אֵיידְל, דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זֶעט, מֶען קֶען זִיךְ נִישְׁט**

**בּאַהאַלטן אונטער די טיש, מען קען זיך נישט בּאַהאַלטן אונטער די טרעפּ, דער אײבּערשטער איז דאָ, דער אײבּערשטער זעט אַלעס**", און מען חזר'ט מיט זײ אַסאַך אַז: "**דער אײבּערשטער האָט אונז ליבּ, דער אײבּערשטער װיל אונז נאָר טון גוטס**".

## קינדער זענען פּיל מיט פּחדים

מען דאַרף רעדן מיט די קינדער פון אמונה אינעם אײבּערשטן. דו װײסט װאָס עס טוט זיך אין אַ קינד'ס מח?! קינדער זענען פּיל מיט פּחדים, ער טראַכט פון הינט, פון חיות, פון פליגן, ער װעקט זיך אויף אינמיטן די נאַכט פון שרעק, ער טראַכט װאָס גײט זײן... און דורכדעם װאָס דער מלמד אָדער לערערין רעדט צו אים פונעם אײבּערשטן, מען רעדט צו אים פון אמונה, לעשט מען אויס די פלאַמען, מען גיסט װאַסער אויפ'ן פײער, מען זאָגט אים: "**דער אײבּערשטער איז דאָ**", "**דער אײבּערשטער העלפט**", דאָס בּארואיגט דעם קינד פון אַלע זײנע פּחדים.

## אויסהערן בּײדע זײטן פון די מעשה

מען טאָר קײנמאָל נישט זײן איבּער געאײלט. אַז אַ קינד קומט צו דיר װײנען: "**יענער האָט**

**מיך געשלאגן**", דארף מען אויך אויסהערן דעם אנדערן קינד, מען קען נישט גלייך אננעמען וואס דער קינד דערציילט, אפילו דו ביסט זיכער אז ער דערציילט אמת ווייל יענער קינד טשעפעט טאקע אייביג... - טאר מען דאס אויך נישט אננעמען, ווייל ווער האט דיר געזאגט אז יעצט האט ער אויך געטשעפעט?!

אסאך מאל מאכט זיך אז א קינד קומט היסטעריש לויפן דערציילן: "**יענער האט עפעס צוגענומען פון מיר**", און דער מלמד הייבט זיך שוין אן אויפצורעגן אויף דעם קינד וואס מען האט אויסגעזאגט, נו נו איך האב געוואוסט, יעדעס מאל גנב'עט ער, ער איז א געהעריגער גנב! - פון וואו ווייסטו אז עס איז וואר וואס ער האט דערציילט?! דו האסט אים געפרעגט?! עס איז דא עדות?! און אפילו עס איז דא עדות - איז ער דאך א קטן, לויט די תורה קען מען גארנישט טון פאר א קטן און קטנה, מען קען אים נאכאמאל מחנך זיין, מען קען נאכאמאל רעדן צו אים.

מען קען נישט נעמען קיין שריט פאר'ן אויסהערןביידע זייטן פון די מעשה און עס איבער טראכטן, און בעטן דעם אייבערשטן אז מען זאל טון די ריכטיגע זאך, וואס דער קנס זאל זיין, און אז דער קנס זאל אויפטון.

## זַיין צַייטְלִיךְ אִין כִּתָּה

נָאךְ אַ זַאךְ ווִיל אִיךְ רֶעדְן צוּ דִי מְלַמְּדִים, אוּן וָואס אִיךְ זָאג פַּאר מְלַמְּדִים מֵיין אִיךְ אוֹיךְ דִי לֶערֶערִינְס פוּן בֵּית פֵיגָא.

מֶען דַארְף זַיין צַייטְלִיךְ אִין כִּתָּה! 'צַייטְלִיךְ' מֵיינְט: פִינְף מִינוּט פַּאר מֶען דַארְף זַיין אִין כִּתָּה דַארְף מֶען שׁוֹין זַיין אִין כִּתָּה.

אוֹיבּ דֶער צַייט צוּ זַיין אִין כִּתָּה אִיז 9:00, דַארְף מֶען שׁוֹין זַיין 8:55 אִין כִּתָּה, אוּן אוֹיבּ דֶער צַייט צוּ זַיין אִין כִּתָּה אִיז 1:30, דַארְף מֶען שׁוֹין זַיין 1:25 אִין כִּתָּה.

עֶס אִיז נִישְׁט קַיין שְׁפִּיל צוּ זַיין אַ מְלַמֵּד, עֶס אִיז נִישְׁט קַיין שְׁפִּיל צוּ זַיין אַ לֶערֶערִין; אַז מֶען הָאט דִיךְ אוֹיפְגֶענוּמֶען פַּאר קִינְדֶער וֶועסְטוּ זַיין צַייטְלִיךְ. אוֹיבּ אַ לֶערֶערִין זֶעט אַז זִי קֶען נִישְׁט זַיין צַייטְלִיךְ, זָאל זִי זָאגְן פַּאר דִי מְנַהֶלֶת אַז זִי קֶען נִישְׁט מֶער, מֶען וֶועט עֶנְדֶערְשׁ אוֹיפְנֶעמֶען מֵיידְלֶעךְ וָואס זֶענֶען נָאכְנִישְׁט פַארְנוּמֶען מִיט אֵייגֶענֶע קִינְדֶער, אוּן דִי ווַייבְּלֶעךְ וָואס קֶענֶען נִישְׁט זַיין צַייטְלִיךְ וֶועלְן בְּלַייבְּן אִין שְׁטוּב מִיט זֵייעֶרֶע קִינְדֶער.

וֶוער עֶס ווִיל זַיין אַ לֶערֶערִין, וֶוער עֶס ווִיל זַיין אַ סֶעקְרֶעטַארִין, וֶוער עֶס ווִיל הָאבְּן דִי שֵׁיינֶע אַרְבֶּעט פוּן מְחַנֵךְ זַיין קִינְדֶער, מוּז מֶען זַיין צַייטְלִיךְ, עֶס

איז נישט קיין קינדער שפּיל צו לאזן קינדער אויף הפקר.

בײ ריסעס אויב די לערערין דארף גײן צו איר בעבי, קען עס נישט װערן פארשלעפּט נאך די צײט פון הפסקה, מען קען נישט לאזן די קינדער אלײנס, מען קען נישט לאזן קינדער אן גארנישט.

קײנער מוז נישט דא ארבעטן, איך װעל זיך אן עצה געבן, אין ענגליש איז דא אן אויסדרוק: **"יעדער איז ריפּלעיסעבל"**, דאס מײנט א מוסד װעט זיך נישט צומאכן אפילו װען סײ װער גײט ארויס, אז דער מלמד ציט זיך ארויס אין שטעטל, װעט מען זיך אן עצה געבן, אפילו אויב דער מנהל גײט ארויס, װעט זיך די מוסד אויך נישט פארמאכן, דער מוסד פארמאכט זיך נישט ביז משיח װען קומען!

סתם זײן א מלמד און זיך פילן גוט **"איך בין א מלמד אין היכל הקודש!"** אדער זײן א לערערין און זיך פילן גוט **"איך בין א לערערין אין בית פיגא!"** און נישט זײן צײטליך - איז אן עולה.

## איך האב נישט װאס צו טון מיט די קינדער

די סעקרעטערי פון שטעטל שרײבט מיר אז עס איז א נארמאלער ערשײנונג אז לערערינס זאלן

קוּמֶען צוּ אִיר בֶּעטְן: **"אִיךְ הָאבּ גָארְנִישְׁט וָואס צוּ טוּן מִיט דִי קִינְדֶער, גֶעבּ מִיר וָואס צוּ טוּן".**

וָואס הֵייסְט **"אִיךְ הָאבּ גָארְנִישְׁט וָואס צוּ טוּן מִיט דִי קִינְדֶער"?!** פַּארְוָואס אִיז מֶען גֶעקוּמֶען אִין שׁוּלֶע?! אַ לֶערֶערִין דַארְף שׁוֹין זַיין צוּגֶעגְרֵייט אָנְהֵייבּ וָואךְ וָואס אִיךְ גֵיי טוּן דֶעם קוּמֶענְדִיגְן וָואךְ, אוּן וָואס אִיז מַיין פְּלַאן צוּ טוּן בִּיז סוֹף זוּמֶער, וָואס דַארְף אִיךְ נָאךְ אוֹיסְלֶערְנֶען דִי קִינְדֶער, וְויִפִּיל אַלֶף בֵּית, בַּ"ךְ, הַלָכוֹת, מִידוֹת, לֶערְנֶען פִּרְקֵי אָבוֹת, גֶעבְּן שִׂיחוֹת, אוּן דֶערְצֵיילְן מַעֲשִׂיוֹת פוּן תְּפִילוֹת.

אַז אַ לֶערֶערִין זֶעט אַז זִי הָאט נֶעכְטְן גֶעהַאט אַ חֲתוּנָה אוּן מָארְגְן הָאט זִי אוֹיךְ אַ חֲתוּנָה, אוּן זִי הָאט נִישְׁט קַיין צַייט זִיךְ אָנְצוּגְרֵייטְן וָואס צוּ טוּן מִיט דִי קִינְדֶער, קֶען זִי נִישְׁט לְכָבוֹד דֶעם בַּאשְׁלִיסְן צוּ נֶעמֶען דִי קִינְדֶער אִין פַּארְק...

גֵיין אִין פַּארְק אִיז נִישְׁט אַ זַאךְ וָואס אוֹיבּ אִיךְ הָאבּ נִישְׁט וָואס צוּ טוּן מִיט דִי קִינְדֶער - גֵייט מֶען אַהִין; פַּארְק אִיז אוֹיךְ אַ לִימוּד, פַּארְק אִיז אוֹיךְ אַזוֹי וְוִי לֶערְנֶען, מֶען דַארְף זֶען צִי דָאס קוּמְט זִיךְ יֶעצְט פַאר דִי קִינְדֶער, אוּן צִי דָאס אִיז יֶעצְט גֶעזוּנְט פַאר דִי קִינְדֶער.

קִינְדֶער שְׁפִּירְן גְלַייךְ אוֹיבּ זַיין מְלַמֵד אָדֶער לֶערֶערִין הָאט וָואס צוּ פַּארְקוֹיפְן אָדֶער עֶר זוּכְט מִיט וָואס צוּ פַארְשְׁוֶוענְדְן דִי צַייט.

## וואס איז 'מיין' ארבעט?!

עס איז זייער זייער א גרויסע אחריות צו זיין א מלמד און א לערערין. מען האלט יעצט סוף יאר, איך וועל זיך פרייען צו האבן אלע לערערינס אויף קומענדיגע יאר, און איך בין זייער צופרידן פון אלע לערערינס, אבער פון די זמנים בין איך נישט צופרידן, מען דארף זיין צייטליך.

א לערערין פרעגט, "**פארוואס דארף איך קומען צייטליך, די מנהלת איז אויך נישט צייטליך, און די סעקרעטערי איז אויך נישט צייטליך...**" - דאס האט נישט צו טון איינס מיט'ן צווייטן, אויב מען וויל - מוז מען בכלל נישט קומען, אבער מען קען נישט ווארפן דעם שולד אויפ'ן אנדערן, וואס האט מיין קומען צייטליך מיט יענעמ'ס קומען צייטליך?! אז מען קומט שפעט מיט תירוצים קען מען נישט זיין קיין לערערין, קינדער האבן שטענדיג תירוצים, "**וועגן דאס**" און "**וועגן יענץ**".

א מלמד און א לערערין דארף וויסן: "**וואס איז 'מיין' ארבעט?!**" - אפילו קיינער זאל נישט קומען דארף איך וויסן וואס מיין ארבעט איז, דאס זענען מיינע קינדער, איך גיי מיט זיי לערנען, און איך גיי אריין לייגן אין זיי ווארעמקייט, איך גיי זיי נאכאמאל אויפבויען, איך גיי זיי זאגן: "**דו ביסט יא גוט**", און אז איך בין א צוזאמגענומענע

מענטש און איך האב אײנע פון מײנע תלמידים אדער תלמידות װאס זענען צופלויגן, װעל איך װיסן אז מען קען זײן זײער א געלונגענער מענטש אפילו מען האט נישט די נאטור פון זײן מורא׳דיג צוזאמגענומען.

## לאנדאנע סאלדאטן

מען קען נישט אװעק שטעלן קינדער אז יעדער אײנער מוז זײן אזוי װי די סאלדאטן.

איך װײס נישט צי איר זענט שוין אמאל געװען אין לאנדאן קוקן די סאלדאטן, עס זענען דא מענטשן װאס פארן ספעציעל אהין כדי צו קענען זען די סאלדאטן, מען זעט װי מען פרובירט זײ צו מאכן לאכן, מען נעמט א פאדעם פון די ציצית, מען שטעקט עס ארײן אין די נאז און זײ בלײבן שטײן גראד, זײ רירן זיך נישט פון ארט.

מיר האבן דאך נישט געעפנט די מוסד, די חדר און שולע, צו מאכן קינדער אזוי װי לאנדאנ׳ע סאלדאטן, יעדער זאל זײן די זעלבע, די זעלבע צײטליך, די זעלבע צוזאמגענומען, אז ער טוט דאס און ער טוט אנדערש, איז װאס? דער עיקר איז אז אלע קינדער זאלן זײן אויפגעבויעט, אלע זאלן זײן פרײליך.

## דֶערְצֵיילְן מַעֲשִׂיוֹת פוּן צַדִיקִים

עֶס אִיז כְּדַאי צוּ דֶערְצֵיילְן פַאר קִינְדֶער מַעֲשִׂיוֹת פוּן צַדִיקִים; מַעֲשִׂיוֹת פוּן אַלֶע צַדִיקִים, - דָאס הֵיילְט אוֹיס אַ מֶענְטְשׁ.

דֶער רֶבִּינְ׳ס טָאכְטֶער הָאט זִיךְ אַמָאל נִישְׁט גֶעשְׁפִּירְט גוּט, אִיז דֶער רֶבִּי גֶעקוּמֶען צוּ אִיר, דֶער רֶבִּי הָאט אִיר גֶעזָאגְט: **"אַז מֶען דֶערְצֵיילְט אַ מַעֲשֶׂה פוּן אַ צַדִיק וֶוערְט מֶען גֶעזוּנְט"**, אוּן דֶער רֶבִּי הָאט אִיר דֶערְצֵיילְט אַ מַעֲשֶׂה פוּן אַ צַדִיק[א].

[א] דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א בְּרֶענְגְט אַרָאפּ דִי מַעֲשֶׂה אִין אַ בְּרִיוו, מִיר בְּרֶענְגֶען עֶס אַרָאפּ:

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם ד׳ פַּרְשַׁת וַיֵּרָא, ט"ו מַר-חֶשְׁוָן, שְׁנַת תשפ"ג לִפְרָט קָטָן

אִיךְ הָאבּ גֶעהֶערְט אַז אַייעֶר קִינְד שְׁפִּירְט זִיךְ נִישְׁט גוּט; דָא הָאט אִיר אַ סְגוּלָה פַאר אַ רְפוּאָה פַאר אִים, דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל אִים אִינְגַאנְצְן אוֹיסְהֵיילְן.

אַמָאל אִיז דִי צַדֶיקֶת שָׂרָה - דֶעם הֵיילִיגְן רֶבִּינְ׳ס טָאכְטֶער - זֵייעֶר קְרַאנְק גֶעוָוארְן, אוּן אִיר טַאטֶע - דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי - אִיז אִיר גֶעקוּמֶען בַּאזוּכְן. דֶער רֶבִּי הָאט גֶעזֶען וִוי שָׂרָה׳קֶע אִיז אַזוֹי פַארְשְׁלַאפְט הָאט עֶס אִים זֵייעֶר וֵויי גֶעטוּן, עֶר הָאט גֶעהַאט גְרוֹיס צַעַר. דֶער רֶבִּי אִיז גֶעזִיצְן מִיט אַ פַארְקְלֶעמְט הַארְץ אוּן הָאט אַייְנְגֶעדְרִימְלְט, דֶער הֵיילִיגֶער בַּעַל שֵׁם טוֹב זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ דֶער זֵיידֶע פוּן רֶבִּי׳ן - קוּמְט צוּ אִים אִין חָלוֹם אוּן פְרֶעגְט אִים: "פַארְוָואס בִּיסְטוּ אַזוֹי בְּצַעַר?" הָאט דֶער רֶבִּי גֶעעֶנְטְפֶערְט פַארְ׳ן הֵיילִיגְן בַּעַל שֵׁם טוֹב: "אִיךְ בִּין בְּצַעַר וֶועגְן מַיין טָאכְטֶער, וָואס זִי אִיז אַזוֹי קְרַאנְק".

הָאט דֶער הֵיילִיגֶער בַּעַל שֵׁם טוֹב זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ גֶעזָאגְט פַארְ׳ן רֶבִּי׳ן, עֶס שְׁטֵייט דָאךְ אִין תְּהִילִים, אִין פָּסוּק (תְּהִילִים מג, נא): "מַגְדִיל יְשׁוּעוֹת מַלְכּוֹ וְעֹשֶׂה חֶסֶד לִמְשִׁיחוֹ", דִי כַּוָונָה אִיז, ׳מַגְדִיל יְשׁוּעוֹת׳ דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער מַאכְט גְרוֹיסֶע יְשׁוּעוֹת, ׳מַלְכּוֹ׳ פַאר דִי צַדִיקִים וָואס זֵיי זֶענֶען מְלָכִים (מַאן מַלְכֵי רַבָּנָן [גִיטִין סב.]) ׳וְעֹשֶׂה חֶסֶד׳ אוּן עֶר טוּט חֶסֶד, ׳לִמְשִׁיחוֹ׳ פַאר דִי וָואס דֶערְצֵיילְן, ׳מֵשִׂיחַ׳ אִיז אַ לָשׁוֹן פוּן שְׁמוּעֶסְן, מֵסִיחַ; דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער מַאכְט ווּאוּנְדֶער פַאר דִי וָואס דֶערְצֵיילְן מַעֲשִׂיוֹת פוּן צַדִיקִים, דֶער בַּעַל שֵׁם טוֹב זָאגְט פַארְ׳ן רֶבִּי׳ן: "דוּרְךְ סִיפּוּרֵי צַדִיקִים וֶועסְטוּ זֶען אַ יְשׁוּעָה".

דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי וֶועקְט זִיךְ אוֹיף אוּן הוֹיבְּט אָן דֶערְצֵיילְן אַ מַעֲשֶׂה פוּנֶעם

׳גֶעזוּנְט׳ מֵיינְט אִין אַלֶע עִנְיָנִים, סַיי בְּגַשְׁמִיּוּת אוֹיבּ אַ מֶענְטְשׁ אִיז לֹא עָלֵינוּ קְרַאנְק, אוּן סַיי בְּרוּחָנִיּוּת, אַז עֶס גֵייט אַרַיין אִין אַ קִינְדְ׳ס קָאפּ אַ שְׁלֶעכְטֶע רוּחַ, זִי ווִיל זִיךְ אָנְטוּן נִישְׁט צְנִיעוּת׳דִיג, - וָואס קֶען מֶען טוּן דֶערְצוּ? - זָאל מֶען דֶערְצֵיילְן מַעֲשִׂיּוֹת פוּן צַדִּיקִים, דָאס וֶועט אִיר אוֹיסְהֵיילְן.

---

הֵיילִיגְן צַדִּיק, דֶער מַהַרְשָׁ״א (מ׳וֹרֵנוּ הָ׳רַב רֶ׳בִּי שְׁ׳מוּאֵל אֶ׳לִיעֶזֶר אֵ׳יידְלִיס) זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ. אִין דִי צַייטְן פוּנֶעם הֵיילִיגְן צַדִּיק דֶער מַהַרְשָׁ״א אִיז גֶעוֶוען אִין דִי שְׁטָאט אוֹסְטְרְהָא - דִי שְׁטָאט וואוּ דֶער מַהַרְשָׁ״א אִיז גֶעוֶוען דֶער רָב - אַ גְרוֹיסֶע קְלוֹיסְטֶער, דָארְט אִיז גֶעוֶוען אַ שְׁרֶעקְלִיכֶע טוּמְאָה, אוּן נִישְׁט וַוייט פוּן דִי קְלוֹיסְטֶער הָאט זִיךְ גֶעפִינֶען דֶער אִידִישֶׁער בֵּית הַחַיִּים פוּן דִי שְׁטָאט אוֹסְטְרְהָא, אוּן יֶעדֶע מָאל עֶס פְלֶעגְט זַיין אַ לְוָי׳ פְלֶעגְט מֶען דַארְפְן אַרִיבֶּערְגֵיין דִי קְלוֹיסְטֶער, אוּן דִי גְלֶעקְלֶעךְ פוּן דִי קְלוֹיסְטֶער פְלֶעגְן זִיךְ צוּקְלִינְגֶען אוּן פַארְכַאפְּן דִי מֶענְטְשְׁן אִין דִי טוּמְאָה.

דֶער הֵיילִיגֶער מַהַרְשָׁ״א הָאט גֶעוואוּסְט פוּן דִי טוּמְאָה, הָאט עֶר בַּאפוֹילְן, וֶוען עֶס וֶועט קוּמֶען דִי צַייט עֶר וֶועט אַוֶועקְגֵיין פוּן דִי וֶועלְט אוּן מֶען וֶועט אַרִיבֶּערְגֵיין מִיט זַיין מִטָּה דֶעם קְלוֹיסְטֶער זָאל מֶען לֵייגְן אוֹיפְ׳ן בֶּעט זַיין הֵיילִיגְן סֵפֶר חִידוּשֵׁי מַהַרְשָׁ״א. אַזוֹי אִיז טַאקֶע גֶעוֶוען, דֶער הֵיילִיגֶער מַהַרְשָׁ״א אִיז נִפְטַר גֶעוָוארְן אוּן מֶען הָאט גֶעפִירְט זַיין מִטָּה דוּרְךְ דֶעם שְׁרֶעקְלִיכְן טוּמְאָה, אוּן אִין דִי מִינוּט וָואס דִי מִטָּה אִיז אַרִיבֶּער דִי טוּמְאָה אוּן דִי גְלֶעקְלֶעךְ הָאבְּן אָנְגֶעהוֹיבְּן זִינְגֶען - הָאט דֶער הֵיילִיגֶער מַהַרְשָׁ״א זִיךְ אוֹיפְגֶעזֶעצְט אוֹיף זַיין בֶּעט אוּן אָנְגֶעהוֹיבְּן מִישְׁן דִי בְּלֶעטֶער פוּן זַיין הֵיילִיגְן סֵפֶר. דֶער גַאנְצֶער עוֹלָם קוּקְט זִיךְ צוּ, עֶס אִיז אַ פַּחַד אַ שְׁרֶעק צוּ זֶען דֶעם הֵיילִיגְן מַהַרְשָׁ״א נָאכְן פְּטִירָה זִיצְן אוּן מִישְׁן דִי בְּלֶעטֶער, אוּן אַזוֹי מִישְׁנְדִיג זֶעט מֶען אַ שְׁרֶעקְלִיכֶע זַאךְ, דִי קְלוֹיסְטֶער הוֹיבְּט אָן אַיינְזִינְקֶען אִין דֶער עֶרְד, יֶעדֶע בְּלַאט וָואס דֶער מַהַרְשָׁ״א מִישְׁט - גֵייט אַרָאפּ דִי גַאנְצֶע טוּמְאָה מֶער אוּן מֶער מִיט אַלֶע מֶענְטְשְׁן, מִיט אַלֶע חֲפֵצִים; בִּיז מֶען הָאט אִיר שׁוֹין מֶער נִישְׁט גֶעזֶען אוּן עֶס אִיז גֶעבְּלִיבְּן אַ זֵכֶר, אַ סִימָן - דָארְט אַרוּם דִי פְּלַאץ עַד הַיּוֹם הַזֶּה.

וֶוען דֶער רֶבִּי הָאט גֶעעֶנְדִיגְט דֶערְצֵיילְן דִי מַעֲשֶׂה הָאט שָׂרָה׳קֶע זִיךְ שׁוֹין אָנְגֶעהוֹיבְּן גוּט צוּ שְׁפִּירְן, אוּן זִי פְלֶעגְט שְׁטֶענְדִיג דֶערְצֵיילְן דִי מַעֲשֶׂה פַאר אַנְדֶערֶע קְרַאנְקֶע וָואס הָאבְּן גֶעדַארְפְט אַ רְפוּאָה, אוֹיךְ רֶבִּי נַחְמָן טוֹלְטְשִׁינֶער פְלֶעגְט דִי מַעֲשֶׂה דֶערְצֵיילְן פַאר חוֹלִים.

דֶערְצֵיילְט אִים דִי מַעֲשֶׂה, אוּן דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן אַייעֶר קִינְד זָאל זַיין גֶעזוּנְט אוּן שְׁטַארְק.

## װאָס איז שײן?

בעצם איז דאָך נישטאָ קײן שװערערע זאַך פון צניעות, נאָר אַזױ װי מיר זענען אױסגעמישט צװישן גױים איז דאָס די גלות, אַז מען הײבט אָן ליב האָבן נישט גוטע זאַכן, איז װי אַזױ קען מען אױסהײלן די קינדער, זײ זאָלן נישט פילן אַז 'איך בין געצװוּנגען פון שולע צו גײן צוזאַמגענומען די האָר'? אַז מען דערצײלן מעשׂיות פון צדיקים, און מען רעדט פון דאָס שײנקײט פון די ערליכע אידן װאָס גײען אָנגעטון צוזאַמגענומען, שײן און אײדל.

איך זאָג אַלץ פאַר די בחורים: דו האָסט ליב אַ טשופּ? דו האָסט ליב געדרײטע האָר? - זאָלסטו װײנען צום אײבערשטן: **"הײליגער באַשעפער איך בין נישט מסודר"**, װײל אױב װאָלט עס געװען שײן װאָלט דער אײבערשטער געזאָגט אין די תורה אַז אַזױ דאַרף יעדער איד אױסקוקן, אַזױ װי דער אײבערשטער זאָגט מען זאָל זיך אָפּשערן די האָר, מען זאָל נישט גײן מיט געדרײטע האָר, מוז זײן אַז דאָס איז נישט שײן, עס מוז זײן אַז פּאות איז שײן און אַ באָרד איז שײן, אײ פאַרװאָס האָב איך עס נישט ליב? מוז זײן אַז עפּעס גײט פּאָר מיט מיך, בעט דעם אײבערשטן: **"רבונו של עולם, פאַרװאָס מוז איך פילן יעדע זאַך װי איך מוז, איך בין געצװוּנגען, איך בין אין תּפיסה, יעצט 'מוז' איך מאַכן לענגער מײן קלײד, 'יעצט 'מוז' איך**

**הִיטְן שַׁבָּת, פַּארְוָואס זָאל אִיךְ נִישְׁט פִילְן אַז אִיךְ הָאבּ לִיבּ צוּ זַיין אַ אִיד?!"**

מֶען דַארְף דֶערְצֵיילְן אַסַאךְ מַעֲשִׂיוֹת פוּן צַדִיקִים פַאר דִי קִינְדֶער, אַרוֹיס צוּ בְּרֶענְגֶען ווִי שֵׁיין אַ אִיד אִיז.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן אִיר זָאלְט מַצְלִיחַ זַיין מִיט דִי קִינְדֶער, אוּן דִי שְׁכִינָה זָאל רוּעֶן בַּיי עֶנְק, אָמֵן.

# הספר הקדוש
# הזה נדפס

לזכות

## העניך יצחק אינדיג

וזוגתו

## רויזא רבקה

וילדיהם

**ליבא רחל, נחמן נתן, אליעזר שלמה,**
**הילל מרדכי, שרה אסתר.**

הקדוש ברוך הוא ימלא את כל משאלות לבכם לטובה, ויתברכו מפי אל עליון בבני חיי ומזוני רויחי, ויזכו לרוות רוב נחת דקדושה מכל יוצאי חלציהם, אמן כן יהי רצון.